Radom Piątek 23 Sierpnia 1929

ראדאם, פרייטאג י״ז מנחם אב תרפ״ט.

פרייז 25 גראשען.

Redakcja i Admistracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אנאנסען פרייזן

איין פעלימעטער שורה: פאר׳ן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ׳ן " 35 "

די ערשטע און לעצטע זייט צומאלען 8 שפאלטען
אין טעקסט 4 .

# ראדאמער-קעלצער לעבען

---

אונזער פריינדין סעמא פרידמאן
צו דער חתונה פון איהר זוהן
חיים לייב פרידמאן מיט פרל רחל סאקאלאווער אויס לאמושע
ווינשען מיר דער מוטער פיעל נחת און דעם יונגען פארל
גליק און צופריעדענהייט.
הערשעל פרידמאן עט פאמיליע.
יאנקעל גלינקעוויטש עט פאמיליע.

---

מזל־טוב

צו דער חתונה פון אונזער ליבע ברודערן־טאכטער און קוזינקע
פערעלע לאנגער מיט ה׳ יעקב באנקער
ווינשען מיר פיעל פרייד און א גליקליך צוזאמענלעבונג.
לייבוש ווייספוס עט פרוי און קינדער.

מזל־טוב

מזל־טוב — מזל־טוב

---

אכטונג לעזט אויפמערקזאם! אכטונג

איך האב די עהרע בעקאנט צו מאכען ראדאם און אומגעגענד
דאס די לאנגיעהריגע פיט ש. שוויצער האט איבערגעטראגן
עקזיסטירענדע פירמע די וואוינונג
מיט דער פראצאזיע פון ווארשא קיין ראדאם, קילינסקי 19
עס ווערט אנגענומען ארבייט צו יעדער צייט פון אייגענעם שטאף און
אנגעגעבענעם שטאף. אויף ראטעס און פאר קאסע.
די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט לויט דעם נייעסטען פאריזער
פאסאן, מיט׳ן פיינסטע אויסלענדישען צודאט
30% ביליגער ווי איבעראל צוליב קאנקורענץ־פרייזען
ארבייט גאראנטירט — ערשטע קאטעגאריע —
ביטע זיך איבערצייגען.

ש. שוויצער ראדאם
קילינסקא 19

---

ווענען וואס רעדט גאנץ ראדאם!
וועגען דעם הערליכען פראגראם פון צירק
„קאראנא"
— ליין און גיב איבער דעם צווייטען —
CYRK „KORONA" w RADOMIU pl. JAGIELOŃSKI
פרייטאג דעם 23, שבת דעם 24 און זונטאג דעם 25 שערפיען
גרויסע פארשטעלונגען
יעדער הער, קויפענדיג א בילעט קאן מיטנעמען
א דאמע אומזיסט, אדער צוויי פרויען אויף איין בילעט,
צוויי שילער, אדער צוויי קינדער.
שבת און זונטאג צוויי פארשטעלונגען 4 און 8³⁰ אוועגד
[illegible] מאנטאג דעם 26־טען פארט אב דער צירק

---

אונזער טיעסטען און אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל
דריקען מיר אויס אונזער חבר זעליג סאבעלמאן
צוליב׳ן פריהצייטיגען טויד פון זיין געשעצטען
און אונפערגעסליכען פאטער
שמעריל ז״ל
וועלכער איז אוועקגענומען געווארען אין זיינע בליענדע יאהרען
זאל ער געטרייסט זיין און צוזאמען מיט זיין
טרויער־פערבליבענע פאמיליע נישט וויסען
מעהר פון קיין צער.
יאדזשע מיללער
ראכטשע בריפטרעגער
עווא קירשענבלאט.

---

הרינו משתתפים בצערו של ראש כיתה בנדודנו
זעליג סובלמן
על מות אביו ז״ל עליו
בעבודתו בעד תחיית עמנו וארצנו ימצא נחומים.
דרגא „א׳ של ברית־טרומפלדור
בראדום.

---

הננו משתתפים בצערו העמוק של אחינו היקר
זעליג סובלמן
על מות אביו ז״ל עליו
הנחמה ימצא בעבודתו בעד שיחרור עמנו וארצנו.
הסתדרות ברית־טרומפלדור בראדום.

---

א רוטינירטער בוכהאלטער
מיט א לאנג־יעהריגער פראקטיק אין זעלבשטענדיגען בוכפיהרונג פון אלע סיסטעמען. באזיצט גרינדליך די פוילישע און יודישע שפראכען. קאן צו־נעמען א שעה אדער צוויי שעה ארבייט. וועניען זיך אין רעדאקציע „פאר׳ן בוכהאלטער"

אנדערש, חברה הנ״ל אמנם דערשמעקט, אז מ׳האט זיי אויסגעזויגן און זיי זעענען זיי צו די ביים־באהן־שטעהענדיגע דראשקעס געהייסען זיך פיהרען אין שטאדט אריין און די בויד פון דער דראושקע אויפגעשטעלט. די יונגעלייט האבען שוין לאנג נישט געקלערט און האבען תיכף פערהאלטען די אפעריסטען פאדערענדיג אבצוגעבען דער דרילדזשער פריי דאס געלד, אז נישט אליארמירען זיי נאך פאליציי. חברה האט זיך דערשראקען און נישט לאנג דינגענדיג זיך האבען זיי דאס געלד אבגעגעבען. דערביי האבען די יונגעלייט פעהלאנגט 5 זל. פאר דער געליטענע. די אפעריסטען זענען אויך אויף דעם איינגעאנגען.

די סימנים פון דער „וויי זענען: מיטעלע וואוקס, האלב־עלעגאנט געקליידט און זעהט אויס ווי א גאליציאנער סוחר׳טע. דער שותף איהרער, ס׳הייסט דער „ער״ — עלעגאנט געקליי׳ט, מיטעלער וואוקס, דיקלעך. בעת די אפעריסט איז ער זיך נוהג צו טראגען זכבעריקאוער ברילען.

## יודיש טעאטער.

אין ראדאם וועט היינטיגען שבת־צונאכט געשפילט ווערען צום ערשטען מאהל די שטארק־אויסגענומענע אפערעטע „דאס חזן׳דעל״. דאס אנסאמבל צעהלט צווישען זיך בעדייטענדע כחות אויף דער יודישער ביהנע. דאס פארל צחיליך, אדאלף בערמאן, הייגבערג, קאליש, ראטשיין, דאס זענען אלץ נעמען, וועלכע זענען דעם ראדאמער טעאטער פובליקום גוט בעקאנט.

די נעמען הערש פלאום, שרה פלאום, ליבערמאן און בעזונדערס די יונגע סוברעטין פון רומעניען יוליא פלאום, פערשפרעכען צו זיין אינטערעסאנט און ציהען אויף זיך גרויס אויפמערקזאמקייט.

---

## בריעף אין רעדאקציע.

חשוב׳ע רעדאקציע!

ערלויבט גיטיגס צו פערעפענטליכען אין אייער וו. צייטונג מיין פאלגענדען בריעף:

### אין דער ראל פון סדום.

לעזענדיג אין „ראדאמער לעבען״ נום. 32 (272) דעם אזוי גערופענעם חרטה בריעף פון די קינדער פון בית־יתומים פון וועלכען מ׳איז ארויסצוזעהן דעם איפגעצווינגענעם דרוק, וואס מ׳האט ארויפגעלעגט אויף די צוויי קינדער, זיי זאלען דעם בריעף אונטערשרייבען — לעזענדיג דאס מיט קלארע, אפענע אויגען קומט אויפ׳ן געדאנק די מעשׂת סדום. וואו מ׳האט אריינגעלעגט א קליינעם מענש אין א גרויס בעט און געהייסען איהם אויסציהען אזוי, אז ער זאל פערנעמען די גאנצע לענג. עהנליך איז די געשיכטע מיט די צוויי עלענדע יתומים, וועלכע זענען פערשטעפט געווארען צו פערלאזען דעם פלאץ. און נישט האבענדיג וואו דעם קאפ אנידערצולעגען האבען זיי קיין אנדערען אויסוועג ניט געהאט און געצוואונגען געווען צוליב זייער פאטאלען גורל צו פאלען אויף די קניה און קושען די בייטש. אפילו פ׳ר׳ן אויג פון געהעהנליכען, אבער אביעקטיווען לעזער איז דער דאזיגער חרטה־בריעף געווען אויפפאלענד. געוויס שוין פאר אזעלכען ווי איך, וואס האב זיך נעהנטער בעקענט מיט די פערהעלטנישען פון דער גאנצער געשעהניש. פאר מיר איז אט דער בריף א פשוט׳ע פערכאטקירונג, אין וואס די אידעלע, נאבעלע לייט ווילען זיין געדעקט אויף אלע זייטען. דאס איז אבער א ווייט נישט־געלונגענער שאכצוג. קודם כל פרעגט זיך, וואס איז דא געשעהן?

צום ערשט זענען די קינדער געקומען צו מענשען און געבעטען ביי זיי הילף. נאכהער זענען זיי געקומען אין רעדאקציע. וואו זיי זענען ארויסגעטרעטען געגען הערשענדען רעזשים פון בית־יתומים און שוין מיט איניגע טעג שפעטער איז פלוצלינג געווארען גוט און הוויל און די קינדער קלאפען זיך פאר דער עפענטליכקייט על חטא, פערריפענדיג זיך אז איניגע פערזאהען האבען זיי טעראריזירט און אבגערעדט.

יעצט נאכ׳ן פערעפענטליכען דעם חרטה־בריעף קומט צו מיר ווידער איינער פון די צוויי „זינדיגע״ יונגלעך, איך זאל איהם בייהילפיג זיין און זיך בעמיהען, אז מ׳זאל איהם נישט בעזייטיגען פון בית־יתומים, איבערגעבענדיג מיר, ווי אזוי ער ווערט שיקאנירט שוין נאך דעם אונטערשרייבען דעם חרטה־בריעף. אזוי ווי די דאזיגע אדעל־לייט האבען זייער צוועק ערציעלט, איז ער הייטער א איבעריגער און פ׳היל פון איהם פטור ווערען, ווייל ער איז אפשר קליגער פון א צווייטען און וויל נישט טאנצען מה־יפית, ווי מען בעפעהלט איהם. אלה א ספקט גיעט דאס זעלבע יונגעל איבער, אז פאריגען פרייטאג־צונאכט איז געקומען אין בית־יתומים אין בעגלייטונג פון די ה״ה מוליער און פרענקעל דער רעדאקטאר פון דער היגער פוילישער צייטונג „אפיניע״, וועלכע האבען אלע אויסגעהערט, נאר איהם נישט. ווען ער אליין האט זיך עפעס אנגערופען נישט צום גינסטען פון די אנפיהרענדע ה״ה האט איהם עמיצער אהעקגערופען אין געהייסען רעדען שטיל, אז דער רעדאקטאר זאל נישט הערען. צומארגענס איז געקומען א פערהאלטונג׳ס־מיטגלידערין אין בעגלייטונג פון איניגע פרויען, און מיטברענגענדיג דאס „ראדאמער־קעלצער לעבען״, וואו עס איז געדרוקט דער חרטה־בריעף, האט זי ווידער אמאה״ געוואלט פעסטשטעלען, אז די קינדער זענען טערער זירט געווארען פון זייטיגע פערזאנען, אויף וואס זי האט געוואלט האבען נאכאמאל די איינשטימונג פון די קינדער. ווען אבער איינער פון זיי האט ערקלערט, אז ער איז געווען געצווינגען אויפ׳ן חרטה־בריעף אונטערצושרייבען זיך איז שוין יעצט געשטעמפעלט געווארען זיין אורטייל און ס׳איז בעפוילען געווארען מעהר נישט צו געבען קיין עסען, כדי ער זאל מוזען פערלאזען דאס בית־יתומים און אוועק פון ראדאם און ממילא אזוי נאך בעפרייט ווערען פון א בעשולדיגער. יעצט פרעגט זיך, ווער טעראריזירט און ווער וויל דערשטיקען דעם אמת?

אויב די דאזיגע ה״ה ציעלען מיט אזעלכע מיטלען פריי צו ווערען פון א נישט־געווינשענעם פאר זיי עדות אויפ׳ן פראצעס, וועלכען זיי אליין האבען פערפיהרט, איז נאך א גרויסע פראגע, צי דאס וועט זיך זיי איינגעבען. געוויס איז, וואס מ׳ווייסט זייער כוונה. אויב מ׳רעדט שוין יא וועגען פראצעסען, איז א פראגע צי די בעשולדיגער וועלען נישט דארפען אמאל טראגען די ראל פון בעשולדיגטע.

ראדאם איז א שטאדט מיט יודישע טראדיציעס, אבער נאך נישט סדום.

**ש. ח. בערקאוויטש.**


GARBARNIA
Spółka z ogran. odpow.
„CHROM" — w — Radomiu
przyjmuje do przerobu skóry bydlęce (bukaty) cielęce, końskie i kozie
na chrom czarny i kolorowy
Wyrób pierwszorzędny. Warunki przystępne.
powszechnie znany ze swej dobroci

גארבעריי = געזעלשאפט
מיט בעגר. האפטונג „חראם״ — אין — ראדאם
נעמט־אן צום אויסארבייטען
רינד־פעל (פוקאטען), קאלבס־פעל, פערד און קאזע־פעל
אויף שווארצען און קאליערטען כראם
ערשטקלאסיגע אויסארבייטונג. צוגענגליכע בעדינגונגען.
די פירמע „ח ר א ם״ איז איבעראל בעקאנט מיט דער גוטער קוואליטעט פון איהר אויסארבייטונג.






Dr. med. S. KORMAN
Choroby wewnętrzne
specjalista chorób płuc i serca
Własna pracownia rentgenologiczna
(Zdjęcia i prześwietlenia)
Lampa Kwarcowa i Sollux
przyjmuje chorych u siebie w gabinecie
na ul. Lubelskiej 25
Godziny przyjęć 9—12 i 4—6.

טעאטער „ראזמאיטאשטשי" ראדאם.

# דאס הויז'דיטער

שבת דעם 24-טען שערפיען ה. י.

— עס נעמען אנטייל פרויען: —
רוטע קאליש, צחילין, שרה פלאום.
אין דער הויפט-ראָל די יוגענדליכע סוברעטין פון רומעניען יוליא פלאום

ווארשאווער אפערעטען-טרופע

אפערעטע אין 3 אקטען פון שלמה שטיינבערג וועלט-שלאגער, וואס איז געשפילט געווארען אין ווארשאווער קאמינסקי'ס טעאטער 280 מאָהל דורך נעלי קעסמאן.

מענער: אדאלף בערמאן, הערש פלאום, דוד ליבערמאן, צווליך, וויינבערג, ראטשטיין

בילעטען צו בעקומען ביי ה' צחייגאפטיג, לובלינער 9 און אין טאָג פון דער פאָרשטעלונג ביי דער קאסע.

# ספארט.

**טור — ראדאָמיאנקא 0:2 (0:2)**

א מייסטערשאפטס-מעטש הענגט קל. „בע" צווישען די אויבענדערמאַנטע ספארט-קלובען איז פארגעקומען זונטאָג 11 פריה. טור האָט געהאַט א שטארקע איבערמאַכט און געפיהרט 0:2. 15 מינוט פאר'ן סוף פון גאנצען שפיעל האָט א ראדאָמיאנקא-שפילער, א געוויסער אדאמסקי, דערלאנגט א פאטש דעם שיעדס-ריכטער ה' בוקאָווסקי, וועלכער האָט געפיהרט דעם ראָנינען מעטש, פון וואס דער סענדזיע האָט זיך געטוּנען שטארק בעליידיגט און פערלאָזט דעם קאמפס-פלאץ. אנטיסעפנדיג פריתער וואלקאָווער (0:3) פאר טור.

**הכח (בענדין) ר.ק.ס. 4:1 (2:1)**

א שעהנעם פינאל-מעטש פון קעלצער אקרענג האָבען רעמאָנסטרירט היינטיגען זונטאָג פון איין זייט די בענדינער געסט און פון דער צווייטער זייט די היגע ר. ק. ס.

עטליכע מינוט פאר'ן אָנהויב איז געמאַכט געוואָרען פאָטאָגראפישע אויפנאהמען און הכח איז בעשאָנקען געווארען מיט א שעהנעם בוקעט בלומען.

די בענדינער געסט זענען ארויסגעטרעטען אין פאלגענדען צוזאמענשטעל: נאָסבערג, ראָטענבערג, קאָקאָשעק, שטיינער, יאנקלעוויטש 1, יאנקלעוויטש 2, ראָזינסקי, סיחעק 1, שיחעק 2, ריכטער און גוטמאן.

ר.ק.ס. אין פאָלגענדען צוזאמענשטעל: בראמסאָן, גראבארטשיק, הערבאָוויטש, חיכאָווסקי, פיעטשיקאָווסקי, סטאניסעווסקי, סטעפאָנוויטש, מאטויאשקיעוויטש, פאטקאנסקי, מאָנקאָכא און בינקאָווסקי.

באלד אין די ערשטע מינוטען מאַכען די ר.ק.ס. צוויי גאָלען. הכח נעמט זיך צו דער ארבייט און זייער „אטאקשפילט" אויסגעצייכענט, דאַגעגען די פערטיידיגונג — שוואך. די בענדינער קאמבינירען זעהר שעהן, נאָר עס פעלט זיי שיסערס. עטליכע מינוט פאר דער הפסקה ציעלען די הכח'אנער דעם איין-און-איינציגען, אָבער שעהנעם גאָל, פאר וואס זיי ווערען בעשאָנקען פון גאנצען אנוועזענדען יודישען עולם מיט רוישיגע אפלאָדיסמענטען.

אויף דער צווייטער העלפט שפילט דער בענדינער מייסטער זעהר שאַרף. אָבער אָהן א וועלכען-ס'איז רעזולטאט. ר.ק.ס. רייסט זיך בליץ-שנעל אוורך און ציעלט חייטערע צוויי שענע גאָ"לען. מיט'ן פערדינטען נצחון 4:1 פאר ר.ק.ס. ענדיגט זיך דער מעטש.

שיעדס-ריכטער—ה' קאושיבוצקי פון סאָסנאָוויעץ. צושויער—קנאפע 1000 מאן.

שינבוים.

## איינשרייבונגען אויף דער פאך-שולע

די לייטונג פון די פאך-שולע בעט אונז מיטצוטיילען:

דעם 25-ען שערפיען ד. י. ווער ן בעגייט די איינשרייבונגען, וועלכע וועלען זיך ציהען ביז'ן 1-ען חושעסיען.

אויפ'ן שול-יאָהר 1929/30 וועלן אנגענומען ווערען לערן-יונגלעך אויף די אָבטיילונגען: שניידעריי, שלאָסעריי, סטאָלעריי און לעדער-ארבייט.

די קאנצעלאריע פון דער שולע. וועלכע געפינט זיך אויף נאָווע 3, ערטיילט אלע נויטיגע אינפאָרמאציעס טעגליך פון 6.30 ביז 9 אָוועגר.


די דירעקציע פון די גימנאזיע

## „פשיאטשול וויעדזי"

(מיט רעגירונגס-רעכט)

מאכט בעקאנט, אז ביטעס פון נייע - אריינצוטרעטענדע קאנדידאטען אין די קלאסען פון הסטעפנע ביז דער V קלאס איינשליסליך, ווערען אנגענומען אין דער קאנצעלאריע פון זונטאָג דער 18-טען שערפיען ה. י. אין די אמט-שעה'ן.

צו די ביטעס דארף מען ביילעגען: צעטרפיקאטען און אימפפונג'ס צייגנישען. עוענטועל אויך א שול-צייגניס.

דירעקציע.

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע סאבעלמאן צוליב דער פערלופט פון זייער ליבען מאן און פאטער

## שמעריל נ"ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פאמיליע רינגערמאכער
לובלינער 21.

הננו משתתפים בצערו הגדול של חברנו זעליג סאבעלמאן
על מות עליו אביו מר

## שמעריל ז"ל

בעבודתו הרביזיוניסטית ימצא תנחומים.

בירענבוים פנחס, פאסטערנאק מרדכי לייב.
קירשענבלאט משה, גוטמאן פנחס,
גוטמאן יצחק, יהודה מיכאל.
ראָזענבערג שמואל.

*Od wielu lat już istniejące*

**Biuro Próśb** TŁOMACZEŃ PZEPISYWAŃ

p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna I-e piętro.

USKUTECZNIA

Podania, skargi, opozycje, apelacje w sprawach cywilnych, karnych, wojskowych i paszportowych oraz rekursy do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych

KORESPONDENCJA HANDLOWA

umowy i punkt. przedrejentalne

*Kino „NOWE CZARY" Teatr*

DZIŚ PREMJERA! — DZIŚ PREMJERA!

POLA NEGRI w najnowszym swoim filmie uznanym, jako najlepszym z dotychczasowych p. t.

1) SPOWIEDŹ UCZCIWEJ KOBIETY

2) REKORD TOMA MIXA.

*Kino „CORSO" Teatr*

Dziś i dni następnych

## W IMIENIU CARA

w roli głównej

*LYA de PUTTI i H. SCHLETTOW.*







— SZKOŁY — Handlowej

Absolwent

młody rutynowany buchalter i korespondent z kilkuletnią praktyką piszący biegle na maszynie poszukuje posady stalej, lub na godziny.

Zgłoszenia skierować do administracji pod „Stenobuch"



Redaktor CH. M. HERC

Drukarnia wyd. „Radomer-Kielcer Leben", Radom, Szwarlikowska 20.